ב"ה

# אין ליקט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת כי תשא

אידיש

**521**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# אחד ועשרים

## • כי-תשא •

❀

אין דעם פרק ווערט ערקלערט דער סדר פון יום המיתה און די קבורה ; אַ תחינה דרך ווידוי וואָס דאַרף זיין געוואוינט אין מויל פון דעם מענטש ; וועגן די שאַנד פון די מדה פון כעס

❀

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון איין און צוואַנציקסטער פרק

**א.** אַ מענטש זאָל זיך פאַרשטעלן גלייך ווי ער ליגט אַ טויטער און מען טוהט אים אַלע באַדערפעניש פון אַ טויטן מענטש, און ווי זיין פרוי און קינדער וויינען אויף זיין טויט און גייען נאָך אים ביזן קבר, און ווי אַזוי זיין זעל זעהט די פאַרשעמונג פון דעם גוף, און ווי אַזוי זי גייט צוריק פון קבר אַהיים און פון דערהיים צום קבר, און ווי אַזוי זיין נשמה ווערט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די וואָס טוען איר משפט'ן, דאַן וועט דער מענטש צערענען קעגן דעם יצר הרע און ער וועט נישט זינדיגן. ........ **ג**

**ב.** וועגן דעם מאמר חז"ל "יזכיר לו יום המיתה" ........ **ה**

**ג.** אַ תחינה און אַ בקשה צום הייליגן באַשעפער. דאָס העלפט צו עטליכע מעלות פון דער נשמה און צו פאַרגעבן און פאַרגיטיגן, און דאָס איז: אַ געוואַלדיגער ענין זיך מתוודה צו זיין און זאָגן תחינה פאַר השם יתברך מיט אַלע גלידער און פילונגען. - אויפן סדר פון אלף-בית און דעם סדר פון "תשר"ק" און "א"ת ב"ש", צו דערציילן כאָטש אַ ביסל די לויבונגען פון השם יתברך, און דעם שיר וואָס מען זאָגט יעדן טאָג פאַר דעם הייליגן כסא הכבוד. ........ **ו**

**ד.** ווי אַזוי בטל צו מאַכן דעם כעס ........ **יד**

**ה.** אַ תיקון אויף אַלע עבירות - מחדש צו זיין חידושי תורה - אַ ראיה אויף דעם. אויב ער איז נישט קיין בר הכי, זאָל ער אונטער שטיצן אַנדערע וואָס זענען מחדש חידושים. ........ **יז**

**ו.** אַ מענטש זאָל נישט זאָגן, וואָס פאַראַ כח האָבן די ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין מויל, מתקן צו זיין און אויפבויען חרוב געוואָרענע וועלטן ........ **יח**

**ז.** די תורה איז אַ רפואה פאַר יעדער זינד - זוהר הקדוש ........ **יט**

# פרק אחד ועשרים

**אַ מענטש זאָל זיך פאָרשטעלן גלייך ווי ער ליגט אַ טויטער און מען טוהט אים אַלע באַדערפענישן פון אַ טויטן מענטש, און ווי זיין פרוי און קינדער וויינען אויף זיין טויט און גייען נאָך אים ביזן קבר, און ווי אַזוי זיין זעל זעהט די פאַרשעמונג פון דעם גוף, און ווי אַזוי זי גייט צוריק פון קבר אַהיים און פון דערהיים צום קבר, און ווי אַזוי זיין נשמה ווערט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די וואָס טוען איר משפט'ן, דאַן וועט דער מענטש צערענען קעגן דעם יצר הרע און ער וועט נישט זינדיגן.**

**א. יום המיתה ויום הקבורה,** מענטש, שטעל דעם טאָג פון טויט און פון דער קבורה אַנטקעגן דיינע אויגן, און טראַכט גלייך ווי דיין צייט צו שטאַרבן איז געקומען, און דו ביסט געשטאָרבן, און דו ליגסט אויף דער ערד אינמיטן שטוב, און ווי דיין ווייב און קינדער און הויז געזונט שטייען אַרום דיר, מיט אַ קול פון געוויין וואָס פאַרביטערט די וואָס הערן עס.

**ב. ונשמתך,** און דיין נשמה שוועבט אַרום דיין גוף, זי גייט פון קאָפּ צו די פיס, און פון די פיס צוריק, צו זען אַן אָרט וואו זי זאָל קענען אַריינגיין אין גוף, און זי קען נישט. קלאָגט זי, ווי אַ פרוי אויף איר יוגנטליכן מאַן, וואָס האָט איר פאַרלאָזט.

**משם,** זי (די נשמה) גייט צו די ערטער וואָס זי איז געוואוינט געוועזן דאָרט צו זיצן מיטן גוף, צו אירע גלוסטיגע אוצרות און אירע שיינע מלבושים.

**ג. ומצטערת,** די נשמה איז זיך מצער, און זאָרגט זיך ווי זי האָט זיי אַוועקגעלאָזט, און זי איז נאַקעט, און זיין גוף ליגט נאַקעט ווי אַ שטיין. און ער זאָל זיך אויסמאָלן גלייך ווי מען קומט אים

מטהר זיין, און קליידן אים אָן נאָר מיט תכריכים, און די איבעריגע גלוסטיגע קליידער און זיין געלט איז אָנגעגרייט פאַר דעם מאַן וואָס זיין ווייב וועט נעמען.

**ד. וידמה,** דער מענטש זאָל זיך פאָרשטעלן גלייך ווי מען לייגט אים אַריין אינעם ארון, און מען טראָגט אים אויף די אַקסלען. זיין ווייב און קינדער שרייען מיט אַ ביטער קול, און ער קען נישט צוריק אומקערן זיין פנים און זיי ענטפערן, ווי ער איז געוואוינט געווען, אַז ווען ער פלעגט אַרויסגיין פון הויז פלעגן זיין ווייב און קינדער פרעגן פון אים, און ער פלעגט זיי ענטפערן אויף יעדע זאַך.

**ה. ועתה,** אָבער אַצינד גייט ער אַרויס און שווייגט. זיי גייען מיט אים ביז דעם קבר, און באַדעקן אים מיט ערד אויף זיין פנים, און קענען אים נישט העלפן, **זיי שרייען, מיין פאָטער, מיין פאָטער, און קיינער ענטפערט זיי נישט**, ביז זיי קערן זיך צוריק אַהיים מיט ליידיגע הענט, און ער בלייבט אין קבר אַליין, און די **מלאכי חבלה** שרייען אויף אים, ער האָט קיין אָרט נישט וואו צו אַנטלויפן, און קיין לאָך דאָרט ניצול צו ווערן.

**ו. והנפש,** און די פאַרשעמטע נשמה נידערט אויף דעם גוף אין זיין קבר אַריין, טאָמער וועט זי קענען אַריינגיין אין אים, און זי איז זיך אַזוי מטריח ביז דריי טעג. דערנאָך, ווען זי זעט אַז זיין בויך איז צושפּאָלטן, איז זי זיך מייאש פון אים. זי גייט פון קבר צום הויז, און פון הויז צום קבר, ביז זיבן טעג.

**ז. וכראות,** און ווען זי זעט אַז עס איז גאָר קיין האָפענונג נישטאָ, פליט זי אַרום אין דער לופט, צו זוכן פאַר זיך אַ מקום מנוחה. זי שטאַרקט זיך אַרויפצוגיין אויפן הימל, געפינט זי אַ צווישנשייד און אַ קופערנע וואַנט, וואָס דער מענטש האָט געמאַכט דורך זיינע עבירות. עס באַגעגענען איר, די מלאֲכי חבלה, און שטויסן זי מיט גרויסע יסורים נאָך איר רשעות.

**ח. ובתשלום,** ווען עס ענדיגט זיך די שבעה, גייען זיין ווייב און קינדער באַזוכן זיין קבר, און זעען ווי אויפן קבר זענען גאָר אויפגעגאַנגען דערנער. טראַכטן זיי, ווען ער זאָל קענען רעדן וואָלט ער געענטפערט, קערט אייך אום אַהיים, מיינע קינדער, ווייל איך וועל מיך שוין צו אייך נישט אומקערן ביז אייביג, איר וועט מיך שוין נישט זען.

**ט. מיד,** זיי קערן זיך אום אַהיים, און לאָזן אים דאָרט ליגן, און ער איז עוסק אין זיין דין און חשבון, און זיי זענען עוסק אין לעבן, אין שפּאַצירן, אין בנינים, און מאַכן חתונה זייערע קינדער מיט געזאַנג און פרייד.

**י. הנה,** דאָס אַלץ זאָל דער מענטש פאָרשטעלן פאַר זיך שטענדיג קעגן זיינע אויגן, און דאַן וועט זיין יצר הרע אונטערטעניג ווערן. אויב ער איז אַ שטיין, וועט ער צעריבן ווערן, און אויב ער איז אייזן, וועט ער צובראָכן ווערן.

## וועגן דעם מאמר חז״ל ״יזכיר לו יום המיתה״

**וכל,** דאָס אַלץ האָבן אונזערע חכמים ז״ל אַריינגעשטעלט אין איין וואָרט, ״**לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע**״, דער מענטש זאָל אייביג אָנצערענען דעם יצר טוב אויפן יצר הרע, און אויב דער יצר הרע וויל נישט אַוועקגיין פון אים, ״**יזכור לו יום המיתה**״, זאָל ער אים דערמאַנען אַלץ וואָס וועט אים דערגרייכן אין טאָג פון טויט, ווייל דורך דעם וועט אפשר זיין יצר הרע אונטערטעניג ווערן, וואָס ער איז האַרט ווי אַן אייזן.

**אַ תחינה און אַ בקשה צום הייליגן באַשעפער. דאָס העלפט צו עטליכע מעלות פון דער נשמה און צו פאַרגעבן און פאַרגיטיגן, און דאָס איז:**

**אַ געוואַלדיגער ענין זיך מתוודה צו זיין און זאָגן תחינה פאַר השם יתברך מיט אַלע גלידער און פילונגען. – אויפן סדר פון אלף-בית און דעם סדר פון "תשר"ק" און "א"ת ב"ש", צו דערציילן כאָטש אַ ביסל די לויבונגען פון השם יתברך, און דעם שיר וואָס מען זאָגט יעדן טאָג פאַר דעם הייליגן כסא הכבוד.**

**יא. והנני,** און איך וועל פאַר דיר מסדר זיין אַ תפלה, דורך ווידוי און געבעט, צו קומען פאַר דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט אַלץ באַשאַפן, און ווי גוט און ווי זיס איז, אַז די תפלה זאָל זיין געוואוינט אין דעם מויל פון יעדן מענטשן צו זאָגן די תפילה, ווייל זי העלפט די נשמה, און איז מכפר זיינע עבירות, און לויבט דעם פאָרכטיגן גאָט.

## תפילה – בלשה"ק

**ה'** אלהי אשר יצרתני ובראתני ועשיתני והוצאתני מאין ליש. צור כל העולמים המתלבש בעשר ספירות בלימה. מוכתר בכתרי כתרים. מקום החכמה והבינה בעל החסד והגבורה תפארת ישראל. תפארתך לנצח נצחים הוד והדר לבשת. יסוד כל היסודות, מלכותך בכל משלה. בראת שמים וכל צבאם הארץ וכל אשר בה על ידי שכינת עוזך. ומכל הבריאות עולה תמיד הלול וקילוס כתרים על ראשך. מודה אני לפניך צורי וגואלי מושיע מגיני, הודאה גמורה שלימה בכל רעיוני וכל מחשבותי ובחכמתי ובבינתי ובדעתי ובשכלי ובהשכלתי ובנפשי וברוחי ובנשמתי ובכחי ובגבורתי ובבריאותי ובאמצי ובחזקי ובגופי ובעורי ובבשרי ובדמי ובעצמותי ובגידי ובעורקי ובכל אברי ובדבורי ובמאמרי ובקולי ובהבל פי. ובראייתי ובהסתכלותי ובעיוני ובריחי

ובטעמי ובמשושי ובעריכותי וכל תנועתי. בעמידתי ובקומי ובהילוכי ובמצבי ובשכבי ובהקיצי. ובהתעוררי ובשארי כל הפרטים הנמצאים בגופי. בכולם מודה ומעיד אני שאם (יהיו) כל העולמות שבראת ויש בכחך לברוא וכן המספר הזה יהיה חוזר חלילה לעד לעולמי עולמים יהיו מלאים חרדל כל חרדל וחרדל מתחלק לשיעור מספר מלא כל העולמות פיות. וכל פה ידבר תהלות בשיר ושבחות כולם בבת אחת תמיד לא יחשו לעד ולנצח נצחים במרוצת הדיבור בשיעור שאדם דובר דיבור אחד הם אומרים אלף דברי שירה. עדיין אינן יכולים להגיע לספר התחלת שבח אחד ממדותיך. כ״ש וק״ו בן בנו של ק״ו שבח כל המדה ואין לעלות על לב וברעיון ובמחשבה שבח מדותיך דאין חקר וקץ ותכלית ולך לבדך גלויות. כי נעלית על כל השבחים ועל כל התהילות והגדולות ונתקדשת על כל הקדושות ונתרוממת על כל התרוממות והתנשאת על כל התנשאות ונעלית על כל הברכות והטהרות ונתגברת על כל החסדים והצדקות והמשפטים והמוסרים. כי ממך הכל שאתה מקור לכולם וממך נובעים ויוצאים ומתפזרים ומתפרדים למקומות אשר אתה חפץ. כי מלכותך בכל משלה ואין אלוה מבלעדיך ואין צור זולתך אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך. וכל הנאצלים והברואים והיצורים והנעשים מהמדריגה היותר גדולה שבשמי השמים עד שלשול קטן שבארץ, כולם מכירים ויודעים ומבינים ומגידים ומעידים על אלהותך ויחוד שכינתך, כי אין זולתך אלוה בורא ויוצר ועושה כרצונו. ואין מי שיאמר לך מה תעשה ומה תפעל, וממך מקוים ומיחלים כולם חיות ומזון ביודעם שאתה בראתם וחיותם ומיתתם בידך, ויודעים ומעידין באמת דסמא״ל ובת זוגו הבל המה מעשים תעתועים וכאפס וכאין נחשבו, הבל ואין בם מועיל, עבד רשע מורד ברבו, דרכו חושך וחלקלקות. המה יאבדו ואתה תעמוד וכולם כבגד יבלו, הוא ובת זוגו המרשעת וכל חיילותיו. והאלילים כליל יחלוף ועובדיהם יכסו פניהם קלון, בושה וכלימה תכסה עליהם. ואתה ה׳ לעולם תשב כסאך לדור ודור. כי אתה המלך הגדול והקדוש,

אדון הכל, דן כל נברא, לתת לכל אחד כדרכיו וכפרי מעלליו, כי מלך אוהב צדקה ומשפט אתה. מלך אביר, מלך ברוך, מלך גדול, מלך דגול, מלך הדור, מלך ותיק, מלך זך, מלך חנון, מלך טהור, מלך ישר, מלך כביר, מלך לעד, מלך מלכים, מלך נורא, מלך סועד, מלך עוזר, מלך פודה, מלך צדיק, מלך קדוש, מלך רם, מלך שומר, מלך תמים. מלך תומך, מלך שוכן עדי עד, מלך רחום, מלך קדמון, מלך צייר, מלך פוקד, מלך עשיר, מלך סומך, מלך נוצר חסד, מלך ממית ומחיה, מלך לומד זכות ישראל, מלך כבוד, מלך יוצר, מלך טהור, מלך חומל, מלך זוכה, מלך ומזכה, מלך המושיע, מלך דובר צדקות, מלך גואל, מלך בורא, מלך אדיר. מלך אמיץ, מלך תם, מלך בונה עולמות ומחריבן, מלך שומע תפלה, מלך גבור, מלך רם ונשא, מלך דובר שלום, מלך קונה שמים וארץ, מלך המתגאה על כל גאים, מלך צח, מלך ומולך לעד, מלך פוצה, מלך זוכר זכיות ישראל, מלך עליון, מלך חסיד, מלך סובל ומאריך אפו, מלך טוב, מלך נשגב, מלך יראוי, מלך מפוחד, מלך כובש כעסו, מלך לובש רחמים. מלך אחד יחיד ומיוחד על כל המיוחדים, מלך בוחר בטובים, מלך גומל חסדים, מלך דורש עמו ישראל, מלך המשפט המאיר לכל העולמות, מלך וותרן זן ומפרנס בשפע, מלך זכרן זכר עניים ושפלים, מלך חושק להיטיב, מלך טובל ומטהר טמאים, מלך יועץ, מלך כהן, מלך לוחם מלחמות ישראל, מלך מנצח ומנוצח, מלך נעים, מלך סוגר ופותח, מלך עונה בעת צרה, מלך פודה ומציל, מלך צופה ומביט הכל, מלך קרוב לכל קוראיו, מלך רוצה בתשובת השבים, מלך שובר ארזים, מלך תמים דעות.

**ויאמר:** זהו השיר שאומרים בכל יום בכסא הכבוד לאדון אלהי ישראל. גם כשהנשמה עולה למעלה, פותחת פיה ואומרת תהלה ושירה וברכה ושבח וניצוח והלל והודאה למי שאמר והיה העולם. אזכרה אלהים ואהמיה, כי בך נפשי חסיה. ועילום וניגון וגילה ורינה ודיצה וחדוה וששון ושמחה ואהבה ואחוה וריעות ונוי ונועם וענוה ואמת וצדק ויושר וסגולה ופאר ועוז ועילוז ועילוץ ונחת ומנוחה

ונחמה שלום ושלוה ובטח והשקט ושאנן וטובה וחן וחסד ורחמים ויופי ותואר והדר וחמלה ותנינה וזיו וזוהר ועיטור ונוגה ואור ונפלאות וישע ורקח ממולח ומאור ואדירות ועריצות ועזר כח וגבורה ויקר וחוזק ותוקף וממשלה ואומץ זרועותי וזיו וזוהר ומחזה ולקח טוב ולבבות ופדות ונבואה וקריאה וגבורה וחיל וגדולה וקדושה וטהרה ונקיות ומלכות והוד והדר וכבוד ותפארת לאדון אלהי ישראל מלכנו. אל מעוטר ברק, אור אמתת הנמצאות, אדון הענינים הנצחיים, נתיב הידיעות והמושכלות, מבוע החסדים, סגולת הצדקות הבלתי משוערות, נעימת הקולות, פועל האורות והאפלות. בידך אפקיד רוחי, ופי תהיה מאושר ומיושר מרוחק הנצח. לא אירא מחרב לשונות רמיה. למען חסדך עשה לשוני כחץ שחוט וכח זכרוני יהיה כפועל תמיד ונפשי תהיה מזומנת בהגדות האמתות וימינך הנאדרת תסעדני בקולות ובלמידה תרנני בזריזות בפתיחה ומבוא ומחשבה תועיל לי באגדה ובשמיעת רוחנית ונבואות בעצות נפלאות בהשכלות מגיעות הדברים הנכבדים, אמן.

**ובהיות** שאתה ה׳ אלהי האלהים ואדוני האדונים מלך מלכי המלכים, ואני בשר ודם בושה סרוחה רימה גוף עפר גוף נגוף תכלית המיאוס והריחוק, ועכ״ז חטאתי לפניך, איך יהיה לי פנים לבקש מחילה וסליחה לפני כסא כבודך. אע״פ שכל ימי היותי חי על האדמה, יתהפכו דמעות עיני לימים ונהרות לטבול בהם תמיד לטהר חלאת עונותי ויעשו עצמותי כעצים למערכה לשדוף תמיד כל אברי, ואשפוך דמי כדם הקרבנות והקטר חלבי בקרבי ויעלה עשן ממזבח לבבי מרתיחות אש הקודחת שנבערה בי מהתעניות והסגופים. ואם אני בעצמי אשים תכונת תבנית צורתי כמזבח, כדי שאש תמיד תוקד עליו לא תכבה. לא יספיק כל זה לתת לי מקום ופנים לבא לפניך שתחמול לי על כל מה שהכעסתיך. אך לקחתי חוזק בעצמי ועצה בלבי למצוא מקום ופנים לשוב אליך בשומי בדעתי שאדרבה כפי גדלך ומעלתך ורוממותך כך גודל ענותנותך ורחמנותך וכפי מעוט דלותי דקותי

שפלותי ואפלתי והייתי כלא הייתי וכאלו לא היה הוית מציאותי כך היה שיעור דעתי ושכלי בעת שחטאתי לפניך. שנמצא שהייתי כלא הייתי. גם ידעתי, כי אשמתי לא תזיק לך ומחילתי לא תחסר ממך. אנא אלהי, מחול לי מה שלא יזיק לך ותן לי מה שלא יחסר ממך. ועוד נתחזקתי לבוא אצלך, ובטחתי שתרחמני לסלוח לי בעצת כליותי שיעצוני, עזרוני באמרותם, אמצוני בעצתם ובדבריהם העמידוני. ויענו ויאמרו לי. בן אדם, מה לך נרדם בכובד עונותיך, קום קרא אל אלהיך בתשובה ובודויים, שבודאי יקבלך. שעל התשובה נתייסד עולמו, ועל איש כמוך נקרא רחום וחנון נושא עון ועובר על פשע, לא על שומרי תורתו מאל״ף ועד תי״ו. ובשומעי דבריהם כי נעמו, השלכתי מסוה הבושה מעל פני ונתעוררתי ונתחזקתי לבוא לפניך לבקש מחילה וסליחה וכפרה, אע״פ שלא הנחתי עבירה שלא עשיתי, אשמתי בגדתי כו׳ עד סוף הוידוי. ויהי רצון מלפניך מלכי ואלהי שהכנעת אמירת הוידוי הזה לפניך יחשב כאלו דנתי בשבעה מדורי גיהנם עד שיעור מירוק כל מה שחטאתי לפניך. ואם ח״ו הרביתי לפשוע עד שהדין מחייב לנעול דלתי התשובה לפני. קבלני בחתירה שתחת כסא כבודך כאשר קבלת למנשה ולשאר הפושעים כמוהו בשובם אליך. מחול לי מה שחטאתי והעויתי ופשעתי לפניך, בין באונס, בין ברצון, בין במזיד, על דברי תורה ועל דברי סופרים. ועל כל גדר וסייג, בין חמור ובין קל. שמכיר אני בסכלותי ואולתי ושטותי, כי הסכלתי עשו, ושטותי גרמה לי, ועצת יצרי בלבלו דעתי וכהו עיני, והייתי ממש כמשתגע וכאילו לא הייתי בין החיים, וכמעט אנוס ביצרי הייתי. ועל זה סמכתי שתקבלני בתשובה כמדתך לעשות חסד תמיד, כי על זה בראת עולמך, דכתיב אמרתי עולם חסד יבנה.

**ובהיות** שהאדם אשר מחומר קרוץ מעותד לחטוא מתגרת יצרו בקרבו תמיד יום ולילה לא ישבות, לכן מפיל אני תחינתי לפני כסא כבודך, ה׳ אלהי ואלהי אבותי אברהם יצחק ויעקב, שתעשה עמי אות לטובה כמדתך להיטיב תמיד ואינך חפץ במות המת. יודע אני

נאמנה, שאף על פי שמסרת הבחירה ביד האדם ללכת בדרך שלבו חפץ מטוב ועד רע, עם כל זה גלוי לפני כסא כבודך אחרית כל אדם, אם יהיה טוב או רע ואם יצא מן העולם צדיק או רשע. ואין ידיעתך מכריח לשום אחד משני הדרכים. לכן אם גלוי וידוע לפניך שחס וחלילה סופי למות חייב. מרצוני הטוב בלב שלם ובנפש חפיצה רוצה אני שתכרית ימי ושנותי ותן אותם תוספות על ימי עושים רצונך, וכריתות ימי ושנותי יהיה מחילה וסליחה וכפרה על כל מה שהכעסתיך במעשי מיום היותי עד היום הזה, ואזכה לראות באור החיים ונפשי תהיה צרורה תחת כסא כבודך, אמן. ואם עתיד אני למות זכאי זך בלי שמרים, חף אני ולא עון בי מעתה ומעכשיו הוסיף ימים על ימי ושנים על שני בבני חיי ומזוני עוסקים בתורה ובמצוות לשמה ושפע רב כדי לעבדך תמיד בשמחה רבה בלי עצבות כלל ולהיות זוכה ומזכה אחרים עמי. ולפרסם ולרומם ולגדל אלהותך בכח אשר תתן לי ואזכה לראות בביאת משיח בן יוסף ומשיח בן דוד ובבנין בית המקדש, אמן. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי.

## אין אידיש

**יב. ובהיות,** דו, באַשעפער, מיין גאָט, ביסט אַ גאָט איבער אַלע מלאכים, און אַ האַר איבער אַלע האַרן. דו ביסט אַ קעניג איבער אַלע גרעסטע מלכים, און איך בין דאָך בלוט און פלייש, פאַרשעמט און מיאוס, אַ שטיק ערד אַ גראָבער גוף, און פונדעסטוועגן האָב איך געזינדיגט פאַר דיר. טאָ, ווי אַזוי קען איך בעטן פאַר דיין כסא הכבוד, אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבן מיינע זינד, ווייל ווען אַפילו אַלע מיינע טעג וואָס איך לעב זאָלן די טרערן פון מיינע אויגן איבערגעקערט ווערן צו ימים און טייכן צו טובל׳ן זיך אין זיי, כדי צו רייניגן מיינע זינד, און מיינעביינער זאָלן ווערן ווי האָלץ צו פאַרברענען שטענדיג מיינע איברים, און זאָל פאַרגיסן מיין בלוט ווי דאָס בלוט פון קרבנות, און מיין חלב זאָל זיך רייכערן אין מיר, און עס זאָל אַרויפגיין אַ רויך פון מזבח פון האַרץ, עס זאָל אויף אים אייביג

ברענען אַ פייער און עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, וועט דאָס אַלץ נישט זיין געגוג צו קומען פאַר דיר, צו בעטן אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין אויף אַלעמען וואָס איך האָב דיך דערצערנט.

**יג. אך,** נאָר איך האָב גענומען אַ שטאַרקייט אין מיין האַרץ צוריקצוקערן זיך צו דיר. דאָס איז ווייל איך טראַכט אַז אדרבא, לויט דיין גרויסקייט, און לויט דיין מעלה, לויט דיין לויב, און לויט דיין הויכקייט, אַזוי גרויס איז דיין עניוות און דיין רחמנות, און לויט מיין אָרעמקייט און מיין פינצטערקייט, אַזוי איז געווען מיין שכל אין דער צייט ווען איך האָב געזינדיגט פאַר דיר.

**גם,** אויך ווייס איך אַז מיינע זינד ווען דיר, באַשעפער, גאָרנישט שאָדן טוען, און אַז דו וועסט מיר מוחל זיין וועט דאָס דיר, באַשעפער, נישט מאַכן פעלן. איך בעט דיך, מיין באַשעפער, זיי מיר מוחל מיינע זינד.

**יד. ועוד,** נאָך בין איך געשטאַרקט געוואָרן צו קומען צו דיר, דיך צו בעטן, דורך דער עצה פון מיינע נירן, וואָס זיי האָבן מיר אַן עצה געגעבן, און האָבן מיר געזאָגט: דו מענטש, שטיי אויף, רוף צו דיין גאָט מיט תשובה און מיט ווידויים, ווייל ער וועט דיך זיכער אָננעמען, ווייל אויף תשובה האָט ער אַוועקגעשטעלט זיין וועלט, און אויף אַזאַ מענטש ווי דו ביסט ווערט ער גערופן אַ **רחום וחנון**, ער איז מוחל די זינד, נישט אויף די וואָס היטן זיין תורה פון אל"ף ביז תי"ו, ווייל פאַר זיי דאַרף ער נישט פאַרגעבן.

**טו. ובשומעי,** און אַז איך האָב געהערט די דאָזיגע רייד, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די בושה פון מיין פנים, און איך בין געוואָרן געשטאַרקט צו קומען צו דיר, צו בעטן מחילה און סליחה און כפרה. און כאָטש איך האָב נישט אויסגעלאָזט קיין שום עבירה וואָס איך האָב נישט געטוהן, **אשמתי**, און ער זאָל זאָגן די ווידוי פון **אשמנו**. און דערנאָך זאָל ער זאָגן **ויהי רצון**, און עס זאָל זיין דער

ווילן פאַר דיר, מיין קעניג און מיין גאָט, אַז די הכנעה פון ווידוי וואָס איך זאָג, זאָל גערעכנט זיין גלייך, ווי דו האָסט מיך דן געווען אין די זיבן מדורי גיהנם, ביז דעם שיעור עס זאָלן צעריבן ווערן אַלץ וואָס איך האָב געזינדיגט פאַר דיר.

**טז. ואם,** און אויב ח״ו איך האָב געמערט צו זינדיגן, ביז דער דין איז מחייב צו פאַרשליסן די טירן פון תשובה פאַר מיר, זיי מיך מקבל דורך דעם אָרט וואָס דו האָסט געמאַכט אונטער דיין כסא הכבוד כדי אָנצונעמען די תשובה פון מנשה. זיי מיר מוחל וואָס איך האָב געזינדיגט פאַר דיר סיי באונס, און סיי מיט מיין ווילן, סיי אומגערן, סיי במזיד, סיי אויף די רייד פון דער תורה, סיי אויף די רייד פון די חכמים, ווייל איך אַנערקען מיין נאַרישקייט און מיין שטות. ווייל איך האָב מיך באַנאַרישט, און מיין שטות האָט מיר גורם געווען, און די עצות פון מיין יצר הרע האָבן פאַרמישט מיין דיעה, און האָבן טונקל געמאַכט מיינע אויגן, און איך בין געווען ווי אַ משוגע׳נער מענטש, איך בין כמעט געצוואונגען געוואָרן דורך מיין יצר הרע.

**ועל זה,** דערויף האָב איך מיך סומך געווען, אַז דו וועסט מקבל זיין מיין תשובה, ווי דיין מדה איז, צו טוהן חסד, און דערויף האָסטו באַשאַפן דיין וועלט.

**יז. ובהיות,** און ווייל דער מענטש איז אָנגעגרייט צו זינדיגן דורך זיין יצר הרע, דעריבער שפרייט איך אויס מיין געבעט פאַרן כסא הכבוד. גאָט, מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערן, אברהם, יצחק, ויעקב, אַז דו זאָלסט מיט מיר טוהן אַ צייכן צום גוטן, אַזוי ווי דיין מדה איז תמיד גוטס צו טוהן, און דו ווילסט נישט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן.

**יח. יודע אני,** איך ווייס באמת, אַז כאָטש דו האָסט געגעבן די בחירה צו דעם מענטש, צו גיין אין דעם וועג וואָס דיין האַרץ וויל, פונדעסטוועגן איז אַנטפּלעקט פאַר דיין כסא כבוד דער

סוף פון יעדן מענטשן, אויב ער וועט זיין גוט אָדער שלעכט, און אויב ער וועט אַרויסגיין פון דער וועלט אַ צדיק אָדער אַ רשע. און דאָס וואָס דו ווייסט, דאָס צווינגט נישט קיין שום מענטש ער זאָל מוזן גיין אין איינעם פון די צוויי וועגן.

**יט. לכן,** דעריבער, אויב דו ווייסט אַז מיין סוף איז חס וחלילה צו שטאַרבן אַלס אַ רשע, וויל איך מיט'ן גוטן ווילן תיכף שטאַרבן, און דאָס זאָל זיין אַ כפרה אויף וואָס איך האָב דיך דערצערנט מיט מיינע מעשים ביז'ן היינטיגן טאָג, און איך זאָל זוכה זיין צו עולם הבא, און מיין נשמה זאָל זיין אונטערן כסא הכבוד, אמן.

**ואם,** און אויב איך בין אָנגעגרייט צו שטאַרבן אַלס אַ צדיק, און איך וועל קיין שום עבירה נישט טוהן, בעט איך דיך, **זיי מיר נאָך מוסיף יאָרן מיט קינדער, און לעבן און פרנסה, אַזעלכע קינדער וואָס זאָלן עוסק זיין אין תורה און מצוות פאַר'ן אויבערשטנס וועגן, און דו זאָלסט מיר געבן פרנסה בשפע, כדי איך זאָל דיך שטענדיג דינען מיט גרויס שמחה.**

**ולהיות,** איך זאָל זוכה זיין, און מזכה זיין אויך אַנדערע מיט מיר, באַקאַנט צו מאַכן דיין געטלעכקייט מיטן כח וואָס דו וועסט מיר געבן, און איך זאָל זוכה זיין צו זען משיח בן יוסף, און משיח בן דוד, און ווי דאָס בית המקדש וועט געבויט ווערן, אמן.

**עס** זאָלן זיין באַוויליגט די רייד פון מיין מויל און די מחשבה פון מיין האַרץ פאַר דיר, גאָט, מיין באַשעפער און מיין אויסלייזער.

**ביז אַהער איז די תפלה.**

## ווי אַזוי בטל צו מאַכן דעם כעס

**כ. ובהיות,** און ווייל **כעס** איז זייער אַ שלעכטע מדה, דעריבער וועל איך שרייבן פון די זאַכן וואָס זענען מבטל דעם כעס, ווי עס שטייט אין ספר **תוצאות חיים.**

**כא. הרוצה,** דער וואָס וויל נישט זיין קיין כעסן, זאָל ער נאָכגיין נאָך דער עיקר רייד וואָס ווערן צו אים גערעדט אָדער געטוהן אים צו דערצערענען. למשל, ווען איינער זידעלט אים, זאָל ער נישט ווענדן זיין האַרץ צו די רייד וואָס ער הערט, נאָר ער זאָל פאַרשטיין אויב דער מענטש וואָס זידלט אים איז אַ נאַר, וועט זיין כעס אָפּגעקילט ווערן, ווייל, ער וועט ביי זיך טראַכטן, דער דאָזיגער מענטש איז אַ שוטה, און זיינע רייד זענען ווי אַ הונט בילט, און דאָס גלייכן.

**ואם,** און אויב דער מענטש וואָס זידלט איז אַ קלוגער, זאָל ער טראַכטן, אַז ער זאָגט עס אים פאַר זיין טובה וועגן, און ער זאָל מקבל זיין זיינע רייד, און ער פרייען מיט זיי.

**כב. ואם,** און אויב ער האָט געטוהן שלעכטע מעשים, און עס וועט קומען אַ קלוגער אָדער אַ נאַר, און וועט אים דערמאַנען וועגן זיי, זאָל ער נישט קוקן אויף דעם וואָס יענער דערמאַנט אים די שלעכטע מעשים, נאָר אויף די מעשים וואָס ער האָט געטוהן, ווייל, ער אַנערקענט דאָך אַז עס איז אמת, און דערפון וועט נאָך קומען פאַר אים אַ גרויסע הילף, ווייל ער וועט פאַרריכטן זיינע מעשים.

**כג. עוד,** נאָך אַ גוטע עצה גרינגער צו מאַכן דעם כעס, און אים איינהאַלטן. אויב אַ מענטש וועט האָבן אַ משא ומתן מיט נישט קיין גוטן מענטש, זאָל ער באַשטימען ביי זיך אין האַרץ, צו ליידן פון יענעם אַלערליי חרפות און בזיונות, אַזוי אַרום וועט צו אים נישט קומען פלוצלונג דער כעס, און ער וועט נישט אַריינקומען אין כעס, ביז ער וועט פון אים ניצול ווערן, און דורך דעם וועט זיין לעבן זיין אַ גוט לעבן.

**כד. גם,** אויך זענען דאָ זאַכן וואָס ברענגען דעם מענטש מבטל צו זיין דעם כעס, אַז ער זאָל טראַכטן ווי דער טויט קומט גיך, און ער זאָל אויך טראַכטן דאָס געשטאַלט ווי ער וועט זיין אין קבר. און

אויך אַז דער מענטש טראַכט וואָס ער איז שולדיג צום אויבערשטן וועגן זיין גרויס גענאַד, און זיין גרויס גוטס וואָס ער האָט מיט אים געטוהן, און ווי ער האָט נישט דערפילט זיינע מצוות, און מיט דעם חשבון וועט ער קיין שום טענה נישט האָבן צו פּטר'ן זיך, און ער וועט דעמאָלט חרטה האָבן אויף דעם וואָס ער האָט געטוהן. דאַן וועט זיין האַרץ ווערן צובראָכן און אונטערטעניג.

**כה. והכי,** און אַזוי שטייט אין **זוהר**, אויב דער מענטש וועט טראַכטן אַז זיין באַשעפער צערנט אויף אים, צוליב דעם וואָס ער האָט געזינדיגט מיט זיין גאוה און מיט זיין כעס, און אַלע זיינע מעשים זענען פאַרשריבן אין אַ בוך, און זיין זינד ווערט נישט אָפּגעמעקט, און ווי ער וועט פאַרשעמט ווערן נאָך זיין טויט, ווען ער וועט זען פאַר זיך אַלע זיינע מעשים געשריבן, און מען וועט אויף אים אויסרופן אין הימל, דער ד'אָזיגער מענטש איז אַ רשע.

**כו. עוד,** אויך איז מבטל דעם כעס, אַז מען וועט אים דערמאַנען וואָס ער האָט געטוהן נישט גוטע זאַכן, זאָל ער מודה זיין, און ער זאָל נישט פאַרשעמען דעם וואָס דערציילט עס, און ער זאָל אים זאָגן אַז דאָס וואָס דו דערציילסט פון מיר איז דאָס גאָר אַ קלייניקייט פון מיינע שלעכטע מעשים וואָס דו ווייסט נישט, און ווען דו זאָלסט וויסן פון אַלע מיינע שלעכטע מעשים וואָלטסטו אַנטלאָפן פון מיר. און ער זאָל אים דאַנקען אויף דעם וואָס ער האָט אַנטפּלעקט אַביסל פון זיינע עבירות צו שטראָפן אים, כדי ער זאָל דערויף תשובה טוהן.

**כז. ואם,** און אויב מען זאָגט אויף אים ליגן דאַרף ער אַוודאי דערויף נישט צערענען, ווייל יענער פאַרלירט דורך דעם זיינע זכיות.

**כח. עוד,** אויך איז מבטל דעם כעס, ווען אַ מענטש זאָל קוקן וויפיל שלעכטיגקייט עס קומט אַרויס פון כעס, אַז דער וואָס האַלט נישט איין זיין כעס קען קומען צו רציחה.

**כט. גם,** אויך זאָל ער פאָרשטעלן בשעת דעם כעס פאַר זיינע אויגן דאָס געשטאַלט פון זיינע קינדער וואָס זענען געשטאָרבן, און אויב ביי אים זענען קינדער נישט געשטאָרבן זאָל ער טראַכטן גלייך ווי ער זעט זיינע קינדער געשטאָרבן, וועט זיין כעס תיכף געשטילט ווערן. אָדער ער זאָל בשעת אָנהייב כעס זיך אויסמאָלן גלייך ווי עס ליגט פאַר אים אַ מת, וועט זיין כעס תיכף געשטילט ווערן.

**אַ תיקון אויף אַלע עבירות – מחדש צו זיין חידושי תורה – אַ ראיה אויף דעם. אויב ער איז נישט קיין בר הכי, זאָל ער אונטער שטיצן אַנדערע וואָס זענען מחדש חידושים.**

**ל. גם,** אויך געפעלט מיר אַ תיקון מתקן צו זיין אַלע עבירות. אויב ער איז אַ תלמיד חכם זאָל ער טראַכטן אַ סאַך פשטים מחדש צו זיין אין דער תורה, און אויב ער קען נישט לערנען זאָל ער געבן פרנסה צו די לומדים וואָס זענען מחדש אין דער תורה, זיי זאָלן עוסק זיין אין תורה פאַר זיינעט וועגן, ווייל דער שליח פון דעם מענטש איז גלייך ווי ער אַליין, און אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט צו געבן צו די לומדים, זאָל ער זיך פלייסן צו באַדינען תלמידי חכמים, און ער זאָל פאַר זיי אָנגרייטן ספרים, עס זאָל זיי קיין שום זאַך נישט פעלן צו לערנען, און דורך דעם וועט ער אויך האָבן אַ חלק אין דער תורה.

**לא. גם,** אויך זאָל ער חרטה האָבן וואָס ער האָט נישט געלערנט, און ער זאָל זאָגן, הלוואי וואָלט איך געהאַט שכל אויך אַזוי מחדש צו זיין אין דער תורה אַזוי ווי זיי, און אַ גוטע מחשבה איז דער אויבערשטער ברוך הוא מצרף צו אַ מעשה. דער אויבערשטער זאָל אונז מזכה זיין אין דער תורה אויף אייביג, אמן.

**אַ מענטש זאָל נישט זאָגן, וואָס פאַראַ כח האָבן די ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין מויל, מתקן צו זיין און אויפבויען חרוב געוואָרענע וועלטן.**

**לב. ואם,** אויב אַ מענטש וועט זאָגן, וואָס פאַראַ כח איז דאָ אין די ווערטער וואָס גייען אַרויס פון מיין מויל, מתקן צו זיין און אויפצובויען בנינים.

**לג. הבט,** זע אַז אין דעם דיבור וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון אַ קעניג איז פאַראַן אַ כח צו טויטן און צו בויען, כאָטש דער דיבור אַליין איז דאָך נאָר אַ קול, און אַזוי אויך די ראיה איז דאָך קיין ממשות נישט, און מען קען טויטן מיט דער ראיה. און דאָס עוף בת היענה קוקט אין אירע אייער, און מיט דער ראיה דערוואַרעמט זי זיי, און ציט אַרויס הינדלעך פון זיי.

**וכן,** אויך דער ווינט האָט נישט קיין ממשות אין זיך, און ער קען צעברעכן טענען-ביימער, איז שוין אַוודאי אַ פשיטא אַז דער קול פון תורה, וואָס מיט אים איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, ווערט דערפון אַוודאי געבויט נייע וועלטן, וואָס קיין מענטשנ׳ס שכל קען עס גאָרנישט אויסמאָלן פאַר זיינע אויגן. און דער מענטש דאַרף נאָר מקיים זיין וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געבאָטן צו לערנען תורה און אָפּהיטן אירע מצוות, און די רייד פון די חכמים וואָס האָבן איר מפרש געווען, ווייל זייערע רייד זענען אמת, אַזוי ווי דער אויבערשטער ברוך הוא מיט זיין תורה איז אמת, און זיי האָבן געזאָגט אַז דורך דעם קול וואָס גייט אַרויס פון דעם מענטשנ׳ס מויל, ווערן געבויט נייע הימלען, איז זיכער אַזוי דער אמת, און מיר דאַרפן מקיים צו זיין זייערע רייד, אַזוי ווי דער קראַנקער דאַרף טוהן וואָס דער דאָקטאָר זאָגט אים אָן, צו עסן און טרינקען פון די רפואות, כאָטש ער פאַרשטייט נישט וואָס דאָס מיינט, ווייל אין דעם איז אָפּהענגיק זיין רפואה און געזונטהייט.

## די תורה איז אַ רפואה פאַר יעדער זינד – זוהר הקדוש

**לד. ומצאתי,** איך האָב געפונען אַ ראיה אין **זוהר**, אַז **די תורה איז אַ רפואה צו אַלע עבירות,** ער שרייבט, דער וואָס לערנט תורה, כאָטש אפילו עס איז אויף אים נגזר געוואָרן אַן עונש איבער זיינע עבירות, איז **די תורה מכפר מער פון אלע קרבנות, און דער גזר ווערט צוריסן.** און צוליב דעם וואָס ער באַמיט זיך אין דער תורה פון אויבערשטנס וועגן ווערט ער צו אים איבערגעבעטן, און די רפואות ווערן געפונען נאָר אין דער תורה, ע״כ.

(זע פרק מ״ד).

❀ ❀ ❀

# ברכה לראש משביר

לכבוד האי גברא רבא ויקירא
הרה"ח ראש וראשון לכל קדשי
בני ישראל שמו הטוב הולך לפניו
איש האשכולות הי"ה

הרב **יוסף יצחק הכהן גוטניק** נ"י

אשר נדבה רוחו להיות ממזכי הרבים

ולתמוך בעין יפה להדפסת הספר

לז"נ אמו הרבנית הצדיקת

הצנועה וחסידה

מרת **ריזל בת ר' חיים רפאל** ע"ה

אשת להבח"ל הגאון החסיד כהן שדעתו
יפה מוהר"ר **חיים שניאור** שליט"א

שנפטרה פתע פתאום לדאבון לב

בניה קרוביה וכל בית ישראל

ביום ד' שבט תשנ"ב

**תנצב"ה**

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שנים ועשרים

## • ויקהל •

אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לערנען פון די ביימער, געוויקסן און בעלי חיים, ווי צו דינען דעם אויבערשטן.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון צוויי און צוואָנציקסטער פרק


א. דער מענטש זאָל קוקן אויף די ביימער, וואָס זומער זענען זיי פול און זאַט, און ווינטער ווערן זיי פאַרוויענגלט און שטאַרבן אָפּ, פון דעם זאָל דער מענטש אַראָפּלערנען אַ מוסר.......... ג

ב. אַ ביאור אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" .......... ד

ג. אַ מענטש זאָל טראַכטן אין האַרץ, פאַרוואָס זאָל אַ חיה וואָס מען באַנוצט איר פעל נאָכן טויט, זיין בעסער פונעם מענטש וואָס מ'האָט נישט קיין הנאה ווען ער שטאַרבט. .......... ה

ד. דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ זמירה, נישט איבערצורייסן פון לערנען תורה, אפילו אויב ער וועט ח"ו שטאַרבן צוליב זיין מי און מאַטערניש.......... ו

ה. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אין האַרץ אויב זיין פנים וועט שוואַרץ ווערן דורך תורה לערנען.......... ז

ו. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם פוקס צו זיין קלוג אין יראת שמים .......... ז

ז. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ בין, אַז מען קען זיס מאַכן דעם דין דורך לערנען תורה, און אַז ער זאָל לערנען תורה בטהו'ה.......... ז

ח. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ שלאַנג וואָס שעדיגט אַנדערע און אים אַליין געשעהט נישט קיין שאָדן, און דער מענטש שעדיגט און עס קומט אויף אים אויך אַ שאָדן. ... ח

ט. עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן קיין שום חידוש, אַפילו אַ קליינער חידוש. .......... ח

י. די גרויסע מעלה פון פאַרשרייבן אַלעס וואָס מען איז מחדש אין תורה, און אויב דער מענטש טוט נישט אַזוי, ווערט ער באַשטראָפט.......... ט

יא. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ נישט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון שלאַנג, וואָס דאָס איז דער יצר הרע. .......... י

יב. ער זאָל זיך אָפּלערנען פונעם ראַד (קענסאַר) וואָס געפינט זיך אויפן ים. וועגן די שלעכטע מידה פון פאַרברענגען צייט אומזיסט, זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ ווערימל.......... י

יג. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין יעדן בעל חי אַ גוטע מדה, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אים אַ מוסר השכל ווי צו דינען דעם אויבערשטן. ....יא

יד. פון יעדער באַשעפעניש דאַרף אַ מענטש זיך אָפּלערנען אַ וועג צו דינען דעם אויבערשטן .......... יא

טו. אַן ענטפער אויף די טענה פון רשע, וואָס ער זאָגט אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן אויפן יצר הרע.......... יב

טז. אַ מוראָ'דיגע מעשה.......... יב

יז. זע די דביקות פון חור אין השי"ת – וואָס חור איז גע'הרג'עט געוואָרן אויף קידוש השם .......... יג

יח. דער מענטש זאָל זיך לערנען פון אליהו הנביא'ס אָקס, און פון די קראָען וואָס האָבן געברענגט ברויט און פלייש פאַר אליהו; פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צום משכן, כדי מען זאָל פון זיי שפּינען וואָל.......... יד

יט. דער מענטש זאָל זיך לערנען הייליגקייט פונעם עוף וואָס הייסט "חסידה"; פון די פאַרשידענע טויבן און הינער.......... טו


❖ ❖ ❖

# פרק שנים ועשרים

**דער מענטש זאָל קוקן אויף די ביימער, וואָס זומער זענען זיי פול און זאַט, און ווינטער ווערן זיי פאַרוויענגלט און שטאַרבן אָפּ, פון דעם זאָל דער מענטש אַראָפּלערנען אַ מוסר.**

**א. יראה האדם,** דער מענטש זאָל זען ווי די ביימער, גראָזן און רויזן זענען פריש זומער, די ביימער זענען באַשיינט מיט פירות, און אַלע געוויקסן שטייען מיט זייער געשטאַלט. עס איז אַ פאַרגעניגן צוזען. אָבער ווען עס קומט ווינטער ווערט אַלץ פאַרוויענגלט, די בלעטער פאַלן אַראָפּ און די פייכטקייט ווערט געמינערט.

**ב. והאדם,** דער מענטש איז געגליכן צו אַ בוים און צו גראָז. ווי אַזוי קען ער זיך פאַרזיכערן אויף זיין גוטס און געלט, און אויף דעם קראַפט פון זיין גוף? פונקט אַזוי ווי אויף די ביימער און גראָזן, אַזוי קומט אויך אויף דעם מענטש, אין האַלב פון זיינע יאָרן גייט ער אַריין אין ווינטער, און זיינע כוחות הייבן אָן שוואַך צו ווערן, זיין פנים און זיין טבע ווערט פאַרענדערט, און ער הייבט אָן צו פאַר׳מיאוס׳ן אין דער וועלט, און אין די טעמים פון עסן, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס הייבט אָן קראַנק צו ווערן פאַר׳מיאוס׳ט ער דאָס עסן, אפילו אויב עס איז גאַנץ גוט.

**ג. וכיון,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט באַמיען צו קומען צו דער רואונג, אַז תיכף ווען ער קומט אויף דער וועלט זאָל ער זיך מטריח זיין אין אויבערשטנ׳ס דינסט, און ער זאָל זיך דערווייטערן פון גלוסטיקייט, און ער זאָל לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן, כדי אַז ווען עס וועלן קומען די טעג וואָס נאָך זיינע האַלבע יאָרן, וועלן אָנהייבן צו בליען די פירות פון זיינע גוטע מעשים,

און די חידושים וואָס ער האָט מחדש געווען אין דער תורה מיט זיין מידקייט, און ער וועט שטיין אין זיין געשטאַלט אַזוי פיל טעג וואָס האָבן גאָר קיין צאָל נישט, און וואָס ער וועט טוהן וועט ער באַגליקן.

**ד. גם**, אויך זאָל דער מענטש אום זומער, וואָס איז די צייט פון שפּאַצירן און תענוגים, דעמאָלט זאָל ער זיך אָפּטוהן פון אַלע תענוגים און פון אַלע עבירות, און אום ווינטער זאָל ער זיך פלייסן אין תורה לערנען מיט זיין כח, ווייל די נעכט זענען לאַנג, און די טעג זענען וואָלקנדיג, און עס גייט אַ רעגן די מערסטע צייט. דאַן זאָל ער פאַרברענגען זיין גאַנצע צייט אין תורה און מצוות, ווייל דעמאָלט גלוסט אים נישט צו גיין שפּאַצירן און זיך אָנצוטוהן תענוגים.

**ה. ובפרט**, באַזונדערס זאָל דער מענטש פאַרשטיין אַז אויב ער וועט זינדיגן אין די ווינטער טעג, ווען עס ווערן נישט געפונען די פיל תענוגים און שפּאַצירן, איז זיין עונש אַ דאָפּלטער, ווייל ער רייצט אַליין אָן דעם יצר הרע אויף זיך.

## אַ ביאור אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך"

**ו. גם**, כדי דער מענטש זאָל זיך פאַרמיידן פון זינדיגן זאָל ער טראַכטן אַז ווען עס זאָל אים גרייכן אַ שלאַק פון אַ שווערד, און דאָס גלייכן, פילט ער אַ גרויסן צער, און דעריבער היט ער זיך דערפאַר. אַזוי דאַרף ער דעם צער נישט טוהן צו זיין חבר, אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה **ואהבת לרעך כמוך**, דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט אַזוי ווי דיך אַליין. און ווען ער איז הונגעריג, אָדער ער ווערט געשלאָגן, איז ער זיך דאָך מצער, ווי זאָל ער אַזוי טוהן צו זיין חבר, און דורך זיינע זינד קומט ח"ו בייז אויף אַלע אידן, ווייל אַלע אידן טראָגן אַן אחריות איינער פאַר דעם אַנדערן.

**ובשומו**, און ווען דער מענטש וועט טראַכטן אַז מיט זיינע זינד טוט ער זיין חבר אַ שאָדן, וואָס ער וואָלט נישט געוואָלט טוהן צו זיך אַליין, וועט ער זיך היטן פון צו זינדיגן. און אויב ער וועט

זינדיגן וועט ער תיכף תשובה טוהן כדי ער זאָל נישט שאָדן טוהן פאַר אַנדערע.

**והוא,** אַזוי קען מען אויך טייטשן דעם פסוק **״אם כסף תלוה את עמי״**, אויב דו וועסט לייען געלט צו מיין פאָלק, **״את העני עמך״**, זאָלסטו טראַכטן גלייך ווי דו ביסט אָרים, וואָלסטו דאָך געוואָלט אַז מען זאָל דיר באָרגן, אַזוי זאָלסטו אויך באָרגן צו דעם אָרעמאַן.

**ז. ועל,** דעריבער האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט אַז די גאַנצע תורה הענגט אָן אין דער מצוה פון **ואהבת לרעך כמוך**, דאָס איז ווייל דאָס בייז וואָס ער וויל פאַר זיך נישט טוהן, וועט ער עס פאַר זיין חבר אויך נישט טוהן, און דורך דעם וועט ער נישט זינדיגן, כדי דורך זיין זינד זאָל נישט זיין שלעכט ח״ו פאַר דער וועלט. אויך וועט ער טוהן מצות כדי אויף דער וועלט זאָל קומען גוטס דורך אים.

**אַ מענטש זאָל טראַכטן אין האַרץ, פאַרוואָס זאָל אַ חיה וואָס מען באַנוצט איר פעל נאָכן טויט, זיין בעסער פונעם מענטש וואָס מ׳האָט נישט קיין הנאה ווען ער שטאַרבט.**

**ח. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ חיה וואָס איר פעל איז זייער גוט, און ווען זי פאַרשטייט אַז זי מוז שטאַרבן, שטעלט זי זיך אויף אַזאַ אָרט וואו מענטשן גייען, כדי מענטשן זאָלן הנאה האָבן פון איר פעל.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט זען אַז מען זאָל פון אים הנאה האָבן ביים לעבן און נאָכן טויט. און אויב דער מענטש דינט דעם אויבערשטן, ווערט אין זיין זכות געשפייזט זיין דור, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַ בת קול איז אַרויסגעגאַנגען: די גאַנצע וועלט ווערט געשפייזט וועגן דעם זכות פון רבי חנינא בן דוסא.

**וגם,** אויך נאָך זיין טויט איז דער צדיק מתפלל אויף די לעבעדיגע,

און דער אויבערשטער ברוך הוא טוט גוטס מיט די וועלט פון זיינעט וועגן, אַזוי ווי עס שטייט אין **זוהר**, אַז די מתים זענען מתפלל פאַר די לעבעדיגע, אָבער ווען ער שטאַרבט ח״ו אַלס אַ רשע, וואָס וועט ער ענטפערן צום יום הדין, אַז פון אים האָט מען קיין הנאה נישט ביי זיין לעבן, און נישט נאָך זיין טויט.

**דער מענטש זאָל זיך אָפלערנען פון אַ זמירה, נישט איבערצורייסן פון לערנען תורה, אפילו אויב ער וועט ח״ו שטאַרבן צוליב זיין מי און מאַטערניש.**

**ט. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך אָפלערנען פון דעם פויגל זמירה, אַז ער זאָל נישט מפסיק זיין זיין מויל פון לערנען תורה, און צו לויבן דעם אויבערשטן ברוך הוא, און ער זאָל גאָרנישט אויפהערן, ווייל די זמירה זינגט אום זומער צום אויבערשטן ברוך הוא אויף אַ בוים אָן אויפהער, און זי זאָרגט נישט וועגן איר לעבן, כאָטש זי נעמט דאָך קיין שום שכר נישט דערויף, איז אַ כל שכן אַז דער מענטש דאַרף נישט אויפהערן צו לערנען, און ער וועט דערפאַר באַקומען פיל שכר.

**י. וכמו,** און אַזוי ווי איך האָב מפרש געווען דעם מאמר אין דער גמרא **חש בראשו יעסוק בתורה**, כאָטש זיין קאָפּ טוט אים וויי, פונדעסטוועגן זאָל ער עוסק זיין אין דער תורה, און אַזוי אויך אויב ער האָט אַן אַנדערע קראַנקייט זאָל ער פונדעסטוועגן אויך לערנען, וועט דער באַשעפער זען זיין צער און ער וועט אים אויסהיילן.

**יא. וזהו,** און דאָס איז וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן איז פאַר זיין כבוד וועגן, כדי די מענטשן זאָל זיך פון זיי אָפלערנען צו פאָרכטן זיך פאַר דעם אויבערשטן, און צו דינען אים און צו באַהעפטן זיך אין אים.

## דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אין האַרץ אויב זיין פּנים וועט שוואַרץ ווערן דורך תורה לערנען

**יב. גם,** אויך זאָל דער מענטש נישט ווענדן זיין האַרץ צו דעם וואָס זיין פּנים ווערט פאַרענדערט צוליב דעם וואָס ער לערנט תורה און טוט מצוות, ווייל מחמת דעם צער קויפט ער זיך לאַנגע טעג אויף עולם הבא און אַ לויטער פּנים אויף אַזאַ וועלט וואָס איז נאָר גוט.

**יג. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ חיה וואָס אירע אייער העלפן צו אַ רפואה, און אַז מען יאָגט איר, ווייסט זי אַז עס איז וועגן די אייער, רייסט זי זיי אויס מיט אירע ציין, און וואַרפט זיי אַוועק און ווערט געראַטעוועט. זי ליידט יסורים, כדי צו בלייבן לעבן. איז דאָך אַוודאי געוויס, אַז דער מענטש דאַרף נישט רחמנות האָבן אויף דעם צער, בשעת ער לערנט תורה און מצוות, כדי צו קויפן פאַר זיך לאַנג לעבן און תענוגים פאַר דער נשמה אויף עולם הבא.

## ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם פוקס צו זיין קלוג אין יראת שמים

**יד. ילמוד,** ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ פוקס וואָס ער איז פול מיט ערמות און תחבולות צו זוכן זיין שפייז, און היטן זיין לעבן. דאַרף דער מענטש זיך אָפּלערנען פון אים צו זיין קלוג אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, ער זאָל טראַכטן תחבולות ווי אַזוי מקיים צו זיין אַלע מצוות צו היטן זיין לעבן, כדי ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם שטן.

## ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ בין, אַז מען קען זיס מאַכן דעם דין דורך לערנען תורה, און אַז ער זאָל לערנען תורה בטהרה.

**טו. ילמוד,** ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דער בין, וואָס זי מאַכט אין איר מויל די בלומען וואָס זי עסט, צו זיסן האָניג, און

וואַרפט עס אַרויס פון מויל אין בינען-שטאָק כדי די וועלט זאָלן דערפון הנאה האָבן. איז זיכער, אַז דורך תורה-לערנען קען דער מענטש, מיט דער פּאַרע פון זיין מויל, איבערקערן מדת הדין צו מדת הרחמים, און די גאַנצע וועלט זאָל הנאה האָבן פון זיין זיסקייט. און דעריבער לויבט דער אויבערשטער די אידן "און דיינע לעפצן טריפן זיסקייט", ווייל דורך די לעפצן וואָס לערנען תורה מאַכן זיי זיס די דינים אַזוי ווי האָניג, און ציט הנאה פון אַלע וועלטן.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ שלאַנג וואָס שעדיגט אַנדערע און אים אַליין געשעהט נישט קיין שאָדן, און דער מענטש שעדיגט און עס קומט אויף אים אויך אַ שאָדן.**

**טז. גם,** אויך פון דעם פאַרשאָלטענעם שלאַנג קען מען אָפּלערנען צום אויבערשטנס דינסט, ווייל דער שלאַנג שעדיגט אַנדערע כאָטש אים קומט דערפון גאָרנישט אַרויס.

**כ"ש,** זאָל דער מענטש זיך מטריח זיין צו ציען אַ הילף צו זיך און צו דער גאַנצער וועלט, ווייל פון זיינעטוועגן ווערט די וועלט געשפּייזט, און אויב ער וועט ח"ו טוהן שלעכטע מעשים וועט עס שאָדן טוהן צו אים און צו דער גאַנצער וועלט, און ער איז ערגער פון אַ שלאַנג, ווייל דער שלאַנג איז מזיק אַנדערע, אָבער ער האָט נישט קיין שאָדן דערפון, אָבער דער מענטש וואָס טוט שלעכטס דערגרייכט זיין שאָדן צו אַנדערע און צו זיך זעלבסט, און וויפיל בושה וועט דערגרייכן דעם רשע ביי דעם יום הדין, אַז ער איז ערגער פון דעם שלאַנג.

**עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן קיין שום חידוש, אַפילו אַ קליינער חידוש.**

**יז. גם,** אויך וואָס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה, זאָל דאָס אין דיינע אויגן נישט קליין זיין, נאָר ער זאָל דאָס האַלטן גרויס און חשוב, און דאָס וועט אים ברענגען זיך מטריח צו זיין אַז ער זאָל מחדש זיין נאָך גרויסע חידושים.

**יח. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם וואָס מען זייעט איין אַ זאָמען וואָס איז גרויס ווי אַן אַרבעס און עס ווערט דערפון אַ גרויסער בוים, און פון זיינע צווייגן פלאַנצט מען נאָך פלאַנצונגען, ביז עס ווערן פיל גערטנער, און דאָס אַלץ איז, וואָס ביי דעם מענטשן איז נישט קליין געווען אַוועקצואוואַרפן דעם זאָמען, נאָר ער האָט געזייעט און געהיט ביז עס איז געוואָרן וויינגערטנער.

**כך,** אַזוי אויך דאָס וואָס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה, כאָטש דאָס איז גאָר ווייניג, וועט ער אַלעמאָל מער מחדש זיין ביז ער וועט מחדש זיין גרויסע חידושים.

**די גרויסע מעלה פון פאַרשרייבן אַלעס וואָס מען איז מחדש אין תורה, און אויב דער מענטש טוט נישט אַזוי, ווערט ער באַשטראָפט.**

**יט. ומה,** און ווי גוט איז, אַז וואָס ער איז מחדש אין דער תורה זאָל ער אויפשרייבן, כדי ער זאָל עס נישט פאַרגעסן, אַזוי ווי עס שטייט אין אַ ספר, אַז דער מענטש וואָס שרייבט נישט אַראָפּ זיינע חידושים וועט ער דערפאַר אָפּגעבן דין און חשבון, ווייל מען זאָגט אים, אַ האַלבע פרוטה האָסטו יאָ פאַרשריבן אין בוך, ווייל דו האָסט מורא געהאַט טאָמער וועסטו פאַרגעסן, און דאָס וואָס דו האָסט מחדש געווען אין דער תורה, האָסטו נישט מורא געהאַט טאָמער וועסטו עס פאַרגעסן, און דו האָסט עס נישט אויפגעשריבן אין דיין בוך.

**ונראה,** דאָס איז דער פשט וואָס די חכמים זכרונם לברכה זאָגן, מען רופט אויס אויפן הימל, וואויל איז צו דעם מענטש וואָס ער קומט אַהער, און האָט זיין לערנען אין זיינע הענט. די כוונה דערפון איז אויף דעם וואָס ער האָט מחדש געווען און האָט עס נישט פאַרגעסן, ווייל ער האָט עס אויפגעשריבן, און דורך דעם ווערט עס נישט פאַרגעסן פון דער וועלט.

**אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ נישט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון שלאַנג, וואָס דאָס איז דער יצר הרע.**

**כ. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ, צו טוהן אויף אַזעלכע אופנים אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון יצר הרע, נאָר אדרבא, ער זאָל נאָך טוהן אַזעלכע תחבולות, אַז דער שטן זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אים אין די הענט. ווייל די קאַץ, ווען זי זעט אַ שלאַנג גראָבט זי אויס אַ גרוב אין דער ערד זי זאָל קענען אַריינגיין, און פון דעם גריבל שלאָגט זי אים מיט די נעגל ביז זי האַרג׳עט אים. אַזוי אויך זאָל דער מענטש זוכן עצות ווי אַזוי ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון דער שלאַנג, דאָס איז דער יצר הרע, דורך תורה און מצוות, און צו געדענקען דעם טאָג פון טויט. דורך דעם קען מען אויסרייסן דעם יצר הרע. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אים דערווייטערן פון דעם יצר הרע דורך זיין גענאַד, און דורך זיינע פילצאָליגע חסדים, אמן.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פונעם ראַך (קענסאַר) וואָס געפינט זיך אויפן ים. וועגן די שלעכטע מידה פון פאַרברענגען צייט אומזיסט, זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ ווערימל.**

**כא. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך לערנען דרך ארץ פון ״סרטן״ (ראַך), וואָס עסט נאָר מיט צוויי פינגער, ווייל עס זענען דאָ מענטשן וואָס עסן מיט אַלע פינגער, און די וואָס עסן מיט זיי ווערט זיי דאָס עסן פאַר׳מיאוס׳ט, ביז זיי הערן אויף צו עסן.

**ובפרט,** און אויב דער מענטש וואָס עסט אָן דרך ארץ איז אַ תלמיד חכם, פאַרשוועכט ער זיין תורה, און אַלע וואָס זעען אים זאָגן, עס איז בעסער אַז מיר זענען נישט קיין תלמידי חכמים. ווייי איז צו זיי, ווייל די תורה ווערט ביי זיי איבערגעקערט צו ביטערקייט, עס וואָלט בעסער געווען פאַר זיי אויב עס זאָל נישט געווען אַרויסגיין

אויף זיי דער שם פון חכם, עס וואָלט בעסער געווען אויב זיי וואָלטן נישט געבוירן געוואָרן.

**כב. ובדברי רז״ל,** און אונזערע חכמים זאָגן, מיר דאַרפן זיך לערנען באַשיידנקייט – צניעות, פון אַ קעמל, און אַנטלויפן פון גזל זאָלן מיר לערנען פון דער מורישקע (נמלה), וואָס זי אַנטלויפט פון גזל. אויך ווערט פון איר אָפּגעלערנט ווי אַזוי מען דאַרף נישט ליידיג גיין, ווייל זי איז זיך מטריח מיט זריזות אָנצוגרייטן שפייז פאַר זיך.

**דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין יעדן בעל חי אַ גוטע מדה, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אים אַ מוסר השכל ווי צו דינען דעם אויבערשטן.**

**כג. כלל,** דער כלל איז, אַז כאָטש די תורה איז מודיע צו די מענטשן די וועגן פון לעבן און דרך ארץ, פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אַריינגעגעבן אַ טבע אין די באַשעפענישן גוטע זאַכן כדי דער מענטש זאָל זיך דערפון אָפּלערנען מקיים צו זיין די וועגן פון דער תורה, ער זאָל נישט זיין ערגער פון די באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן, און זיי גייען אויף פיר פיס.

**וע״י,** דער מענטש וועט דאַן לויפן צו דער תורה, צו לערנען די תורה כדי צו רעכטפאַרטיגן זיין וועג, איינצושאַפן זיך גוטע מידות און זיסע וועגן, וואָס זיי געבן אַ מעלה צו זיין נשמה אַרויפצוגיין ביזן כסא הכבוד, וואָס זי איז פון דאָרט באַשאַפן געוואָרן.

**פון יעדער באַשעפעניש דאַרף אַ מענטש זיך אָפּלערנען אַ וועג צו דינען דעם אויבערשטן**

**כד. למה,** פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט אָפּלערנען פון הימל און ערד, ימים און מדבריות, ביימער און גראָזן, בהמות

און חיות און עופות, וואָס זיי אַלע קענען זייער באַשעפער, און זיי זאָגן שירה יעדן טאָג, ווי עס שטייט אין פרק שירה.

**כה. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיין פויל אין דינסט פון זיין באַשעפער, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלע באַשעפענישן, אַז ער זאָל זיין אַ האַר איבער זיי. נו, וואָס וועט ער ענטפערן ביי דעם יום הדין?

## אַן ענטפער אויף די טענה פון רשע, וואָס ער זאָגט אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן אויפן יצר הרע.

**דאין,** ער וועט נישט קענען ענטפערן, דער יצר הרע האָט מיך אָפגערעדט, און ער איז פייער, און איך בין ווי שטעקלעך פון פלאַקס, ווייל מען וועט אים ווייזן פרומע מענטשן וואָס זענען בייגעשטאַנען קעגן זייער יצר הרע, און זיי האָבן אים גאָר מבטל געווען אינגאַנצן, און האָבן נישט גענייגט קיין אויער אים צו הערן קעגן דער ליבשאַפט פונעם אויבערשטן.

## אַ מורא׳דיגע מעשה

**וכדרז״ל,** ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אַ מעשה, אַ חסיד האָט אַמאָל מתפלל געווען, איז געקומען אַ וואָלף און האָט געכאַפּט זיין זון, און ער האָט נישט מפסיק געווען פון זיין תפלה. דערנאָך האָבן זיינע תלמידים געזאָגט: ליבער רבי, פאַרוואָס האָסטו נישט רחמנות געהאַט בשעת דער וואָלף איז געקומען און האָט אַוועקגענומען דיין זון פון דיר?

**אמר,** האָט דער חסיד געזאָגט צו זיי: זאָל מיר ביישטיין דאָס וואָס איך האָב אויף אים נישט רחמנות געהאַט, כדי נישט מפסיק צו זיין אינמיטן דער תפילה.

**לא,** איידער ער האָט עס אַרויסגערעדט, איז דער וואָלף געקומען, און האָט אים צוריקגעברענגט דאָס קינד. האָט דער פאָטער געזאָגט

צום קינד: וואָס האָט דער וואָלף דיר געטוהן?

**אמר,** האָט דאָס קינד אים געענטפערט: ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פּאַסטקע, האָב איך געהערט ווי אַ בת-קול האָט געזאָגט צום וואָלף: נישט אויף דעם האָב איך דיך געשיקט, נאָר אויף אַן אַנדערן מענטש׳ס קינד.

**ולא,** דאָס קינד האָט נישט געענדיגט אויסצורעדן, האָבן זיי געהערט אַ קול פון געוויין, אַז אַ וואָלף האָט אַ ביס געטוהן יענעם מענטש׳ס זוהן.

**כו. וא״כ,** און ווי אַזוי וועט דער מענטש זיך קענען פּטר׳ן פון דעם דין, צו זאָגן, איך האָב נישט געקענט ביישטיין קעגן מיין יצר הרע? מען וועט אים זאָגן: זעסט דאָך אַז אַ סאַך מענטשן זענען יאָ ביי געשטאַנען קעגן דעם יצר הרע, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן מלחמה האַלטן מיט אים, האָט זיי דער אויבערשטער ברוך הוא געהאָלפן, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַז דער וואָס וויל גיין אין דעם אויבערשטנס וועג העלפט מען אים פון הימל, און פאַרוואָס ביסטו אויך נישט אַריינגעגאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט דיין יצר הרע, כדי מען זאָל דיר העלפן פון הימל? דעריבער ביסטו שולדיג.

## זע די דביקות פון חור אין השי״ת – וואָס חור איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אויף קידוש השם

**כז. הבט,** זע ווי חור איז געווען באַהעפט אין דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אויף קידוש השם כדי די אידן זאָלן נישט מאַכן דעם עגל, און דעריבער האָט ער זוכה געווען אַז עס איז פון אים אַרויסגעקומען בצלאל, וואָס ער האָט געמאַכט אַ משכן, כדי די שכינה זאָל דאָרט רוען.

**כח. גם,** אויך זאָל דער מענטש זיך אָפּלערנען פון די ציגן, וואָס זענען געקומען אַז מען זאָל פון זיי אָפּשפּינען וואָל צום

משכן.

**גם,** אויך זאָל ער זיך אָפּלערנען פון די פרעש, וואָס אין מצרים זענען זיי געלאָפן אין פייער, כדי צו הייליגן דעם אויבערשטן׳ס נאָמען. מכל שכן דער מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנד און עס איז אָנגעגרייט פאַר אים שכר, דאַרף ער זיך לאָזן הרג׳ענען פאַר דער תורה און פאַר דעם אויבערשטן׳ס דינסט, צו הייליגן זיין נאָמען, יתברך שמו.

**דער מענטש זאָל זיך לערנען פון אליהו הנביא׳ס אָקס, און פון די קראָען וואָס האָבן געברענגט ברויט און פלייש פאַר אליהו; פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צום משכן, כדי מען זאָל פון זיי שפּינען וואָל.**

**כט. ואמרו,** אין מדרש שטייט, דער אויבערשטער האָט געזאָגט: לערנט אייך אָפּ פון דעם אָקס פון אליהו, ווייל אליהו האָט געזאָגט צו די אידן, וועהלט אויס צוויי אָקסן, איינעם פאַר אַ קרבן פאַרן אויבערשטן׳ס וועגן, און איינעם פאַר די עבודה זרה, און זיי לאָזן זיך אויסוועהלן איין אָקס.

**ופרו,** דער אָקס פון אליהו האָט זיך תיכף נאָכגעצויגן נאָך אים. אָבער דעם אָקס וואָס איז געווען פאַר אַ קרבן צו דער עבודה זרה האָט מען נישט געקענט רירן פון אָרט, ביז אליהו האָט אים געזאָגט: גיי מיט זיי, ווייל פונקט אַזוי ווי דער נאָמען פון אויבערשטן ברוך הוא ווערט געהייליגט ווערן דורך מיין אָקס, אַזוי וועט ער דורך דיר אויך געהייליגט ווערן.

**א״ל,** האָט דער אָקס געזאָגט צו אליהו: דו מוזט מיך אַליין איבערגעבן צו זיי. אַזוי שטייט אין פסוק, זיי האָבן גענומען דעם אָקס וואָס אליהו האָט זיי געגעבן.

**כתיב,** דערויף שטייט אין איוב ״**מלפנו מבהמות הארץ**״, ער מאַכט אונז לערנען פון די בהמות פון דער ערד.

**ל. אמר,** נאָך האָט דער איבערשטער געזאָגט, לערנט אייך אָפּ פון די רויב-פויגל וואָס האָבן געשפּייזט אליהו, אַזוי ווי דער איבערשטער האָט געזאָגט צו אליהו, "**ואת העורבים צויתי לכלכלך שם**", די רויב-פויגל האָב איך באַפוילן דיך דאָרט צו שפּייזן, און זיי האָבן פאַר אים געברענגט עסן פון יהושפט מלך יהודה, און נישט פון דעם רשע אחאב, ווייל ביי אחאב אין שטוב איז געווען עבודה זרה.

**הוי,** דאָס מיינט דער פסוק "**ומעוף השמים יחכמנו**", פון די עופות וואָס פליען אונטער דעם הימל האָט ער אונז קלוג געמאַכט. האָט דער איבערשטער ברוך הוא געזאָגט, לערנט אייך אָפּ פון דעם אָקס פון אליהו, און פון די ראָבן, אַז איר זאָלט אייך נישט קערן צו די געצן.

**דער מענטש זאָל זיך לערנען הייליגקייט פונעם עוף וואָס הייסט "חסידה"; פון די פאַרשידענע טויבן און הינער.**

**לא. צא,** לערן זיך אָפּ הייליגקייט פון דער עוף חסידה, וואָס נאָך דעם ווי זי באַהעפּט זיך מיט איר מאַן טוב'לט זי זיך אין ים. און נאָך מער, זי צערנט אויף זנות.

**לא. גם,** אויך לערן זיך אָפּ פון טויבן וואָס זיי באַהעפּטן זיך נאָר צו זייער זיווג. אויך זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ האָן, וואָס ער בעט פריער איבער. און אַזוי וועסטו געפונען אָפּצולערנען פיל גוטע זאַכן פון באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן. און ווי אַזוי וועט דער מענטש קענען ביישטיין ביי דעם יום הדין, אַז ער איז ערגער פון די באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן. אין פרק ל' וועלן מיר נאָך שרייבן דערפון.

❀ ❀ ❀

בס"ד

**עץ חיים היא למחזיקים בה**

*לכבוד הרבני היקר עמוד*

*הצדקה והחסד*

*מקים עולה של תורה שמו*

*הטוב הולך לפניו מוהר"ר*

**ישכר דוב בן חנה ווייס**

שליט"א

אב"י בעיר לאס אנדזשעלעס

השי"ת יעזור שיזכה לכל

משאלות לבו לטובה

ולברכה בבריאות השלימות

ובנהורה מעליא.

❀ ❀ ❀